# LGBTQ

# העלט קעיר ליסטע פון רעכטן

**אין ניו יארק סיטי, איז אומלעגאל צו דיסקרימינירן אויפן באזיס פון א מענטש'ס געשלעכטליכע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער דזשענדער אויסדרוק אין פובליק אקאמאדאציעס, אריינגערעכנט אין העלט קעיר אומגעבונגען.**

***איר האט די פאלגנדע רעכטן ביים זוכן העלט קעיר סערוויסעס אין ניו יארק סיטי:***

1. רעכט צו ווערן באהאנדלט מיט כבוד, רעספעקט און פראפעסיאנאליזם אין *אלע* העלט קעיר אומגעבונגען דורך *אלע* פראווידערס, שטאב מיטגלידער און וואלונטירן

2. רעכט צו באקומען פארשטענדליכע, נישט אראפקוקנדע און פולשטענדיגע קעיר וואס איז וואך צו אייער געשלעכטליכע אריענטאציע, געשלעכטליכע אויפפירונג, דזשענדער אידענטיטעט און דזשענדער אויסדרוק. דער רעכט גילט אויף *אלע* געזונטהייט סערוויסעס,  מיט א שטארקערן דגוש אויף די פאלגנדע:
   - **2א.** פריימערי קעיר
   - **2ב.** עמערדזשענסי קעיר
   - **2ג.** געשלעכטליכע געזונטהייט קליניקס, אריינגערעכנט פארמיידנדע סערוויסעס; ריזיקע און שאדן פארמינערונג סערוויסעס; און טעסטינג און באהאנדלונג פאר HIV, געשלעכטליך אריבערגעפירטע אינפעקציעס, ווירעל העפיטייטיס און HPV-פארבינדענע קענסערס
   - **2ד.** דזשענדער טראנזישאן-פארבינדענע קעיר
   - **2ה.** ריפראדאקטיוו העלט קעיר און פאמיליע פלאנירונג
   - **2ו.** מענטל און ביהעיוויארעל העלט קעיר
   - **2ז.** קעיר נאכפאלגנדיג טראומע, אריינגערעכנט קעיר נאך האסן געוואלדטאטן, געשלעכטליכע געוואלדטאטן און אינטימע פארטנער געוואלדטאטן
   - **2ח.** אלקאהאל און דראג באנוץ אפשאצונג,

   קאונסעלינג און באהאנדלונג

3. רעכט צו האבן רעספעקטפולע געשפרעכן מיט פראווידערס איבער אייער געזונטהייט און העלט קעיר געברויכן, אריינגערעכנט אייער געשלעכטליכע פארגאנגענהייט, יעצטיגע געשלעכט לעבן, געשלעכטליכע פארגעניגן און פארבינדונגען

4. רעכט אז אייער דזשענדער אידענטיטעט און

***אויב איר גלייבט אז איר זענט געווארן שלעכט באהאנדלט אדער מען האט אייך אפגעזאגט קעיר אדער סערוויסעס צוליב אייער געשלעכטליכע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער דזשענדער אויסדרוק, רופט 311 אדער 718-722-3131 אריינצוגעבן א קלאגע מיטן ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשליכע רעכטן.***

NYC Health

דזשענדער אויסדרוק זאל ווערן אנערקענט, באשטעטיגט און דאקומענטירט, אריינגערעכנט:

**4א.** שטאב מיטגלידער זאלן נוצן אייער זעלבסט-באשטימטע נאמען און פראנאונס, און אפשפיגלען די שפראך וואס איר נוצט צו שילדערן אייער קערפער

**4ב.** צוטריט צו פאפירענע און עלעקטראנישע פארמס און מעדיצינישע רעקארדס וואס נוצן

אייער זעלבסט-באשטימטער נאמען, פראנאונס און דזשענדער מארקערס

**4ג.** צוטריט צו סינגל-סעקס פאסיליטיס אין איינקלאנג מיט אייער דזשענדער אידענטיטעט און דזשענדער אויסדרוק

5. רעכט צו קלארע ערקלערונגען פון פראוויידערס' פארלאנגען פאר פערזענליכע געזונטהייט אינפארמאציע, אריינגערעכנט מיט וועמען די

אינפארמאציע וועט מיטגעטיילט ווערן, און די רעכט צוריקצוהאלטן די אינפארמאציע

6. רעכט צו קלארע ערקלערונגען פון אלע מעדיצינישע פראצעדורן און ריזיקעס; רעכט אויסצואוועלן אדער אפצוזאגן סיי וועלכע באהאנדלונג און אפצוזאגן אנטיילנעמונג אין פארשונג אן לייגן אייער באהאנדלונג אין געפאר

7. רעכט צו צוטריט צו געזונטהייט פארבינדענע דעקונג און בענעפיטן אן קיין דיסקרימינאציע אויפן באזיס פון געשלעכטליכע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט און דזשענדער אויסדרוק

8. רעכט אויסצואוועלן ווער וועט מאכן מעדיצינישע באשלוסן פאר אייך אויב איר וואלט געווען אומפעאיג דאס צו טון; און, פאר מינדעריעריגע, די רעכט אז אייערע ווּאונטשן און בעסטע אינטערעסן זאלן זיין

אריינגערעכנט אין די באשלוסן

9. רעכט צו באשליסן ווער עס מעג אייך יא און נישט באזוכן אויב איר ווערט אדמיטעד צו א העלט קעיר פאסיליטי

10. רעכט צו פריוואטקייט און געהיימקייט

---

**די רעכטן גילטן אויף אלע ניו יארק סיטי העלט קעיר אומגעבונגען אין וועלכע מעדיצינישע און אנדערע סאושעל סופארט סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט, אריינגערעכנט שפיטעלער; עמערדזשענסי רומס; אורדזשענט קעיר צענטערס; קליניקס; דאקטוירים, נורס פראקטישאנער'ס און דאקטוירים**

**אסיסטענט'ס אפיסעס; נורסינג היימען און לאנג-טערמיניגע קעיר פאסיליטיס; און קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס.**

**די רעכטן גילטן אויף אלע ניו יארק סיטי איינוואוינער און באזוכער וואס באקומען קעיר אינערהאלב די פינף באראס.**

**פאר מער אינפארמאציע, באזוכט nyc.gov/health/lgbtq.**